קאפיטל צוואנציק

# די פטירה פון קאוונער רב הגאון רבי אברהם דובער שפירא זצ״ל

איך האָב שוין פריער דערמאָנט דעם קאָוונער רב, הגאון רבי אברהם דובער שאַפּיראָ זצ״ל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין קאָוונער געטאָ.

עס איז כדאי זיך אַביסל לייגגער אָפּשטעלן אויף דער לעצטער צייט פון זיין לעבן און דער פטירה, פון דעם דאָזיקן ווירדיקן און באַליבטן קאָוונער רב. ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע טעג אין געטאָ, און ביים סוף פון זיין גרויסן לעבן, נעבאַך געזעגן דעם אָנהויב און סוף פון חורבן ליטע

דער דאָזיקער גאון איז געווען איינער פון די גרויסע פּערזענליכקייטן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט. זיין ביאָגראַפיע איז אין קורצן ווי פאָלגט:

געבוירן מוצאי יום כפור תרל״א, אין קאָברין ביי זיין פאָטער הגאון רבי זלמן סנדר ז״ל, רב און ראש הישיבה אין מאַלטש, לעבן בריסק. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה, און געווען באַ־רימט אַלס „קאָברינער עלוי״ און געהערט צו די ערשטע חובבי ציון. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון מינסקער רב, הגאון רבי ירוחם לייב פערלמאַן זצ״ל, צו 25 יאָר ווערט ער רב אין סמאָלאָוויטש לעבן מינסק.

אין תרע״ג, איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּט רב פון קאָוונע. ער איז אויך געווען פאָרזיצער פון אגודת הרבנים פון ליטע. ביי זיין לעבן, האָט ער געדרוקט זיינע ספרים: „דבר אברהם״ אין צוויי חלקים, „טהרת המשפחה״, איצט איז ארויס אין אמעריקע „דבר אברהם״ — „דריטער חלק״ — און „דבר אברהם״ — „חלק דרוש״.

איך האָב שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך דערציילט ווי גרויס

עס זיינען געווען די דייטשע רדיפות גלייך נאָך דעם ווי די נאַצי־ארמייען האָבן באַזעצט קאָוונע. די יסורים, וואָס אידן האָבן זיך אָנגעליטן, די פיזישע און מאָראַלישע פייניקונגען וועלכע זיי האָבן דורכגעמאַכט, קאָן מען בשום אופן ניט שילדערן. און וויפיל איך זאָל ניט האָבן דערציילט ביז איצט, איז עס אַ טראָפּן אין ים פון די דאָזיקע אומפאַרגלייכליכע יסורים פון אי־דישער ליטע.

אָבער מער פון אַלעמען האָט געליטן דער גייסטיקער מנהיג פון קאָוונע. אויסער דעם וואָס ער האָט פּערזענלעך געליטן, האָט ער געטראָגן אויף זיך און מיטגעוויטיקט מיט די ליידן און יסורים פון אַלע קאָוונער אידן. ער האָט מיטגעליטן מיט אלע אידן מיט זיין עדה, ווי אַ טאַטע ליידט מיט, מיט זיינע אייגענע קינדער. און אַ טאַטנס יסורים איבער דעם פּיין פון זיינע קינדער זיינען אַמאָל גרעסער און שטאַרקער ווי די יסורים וואָס ער ליידט אַליין

ווי דער רב הכולל פון ליטע, האָט ער זיך געפילט פאַראַנטוואָרטליך פאַרן גאַנצן ליטווישן אידנטום, פאַר אַלץ וואָס געשעט מיט זיינע אידן. זיין גאונישער קאָפּ האָט געזען אַ סך זאַכן קלאָרער ווי עס האָבן געזען אַנדערע. און דערפאַר האָט אויך זיין האַרץ מער געוויטיקט ווי דאָס האַרץ פון אַנ־דערע וועלכע האָבן אין אָנהויב ניט געזען אַלצדינג אַזוי קלאָר ווי ער.

ווען די געסטאַפּאָ האָט געגעבן אַ באַפעל דעם קאָוונער רב צו שאַפן אַן „עלטסטן־ראַט" — די אידישע פאַרטרעטערשאַפט פאַר די דייטשן, און צוזאַמענגערופן געוואָרן, אַן אסיפה פון בעלי־בתים פון שטאָט, ביים רב אין שטוב. דער צוזאַמענשטעל פון „עלטסטן־ראַט" איז אין זיין גרעסטער מערהייט באַשטאַנען פון ניט אָרטאָדאָקסישע אידן. אויף די טענות, פון איינעם פון די פרומע אידן פאַר וואָס? האָט דער רב קורץ געענטפערט: „די זאַך געהערט ניט צו פרומע אידן". .

חוץ די צרות פון כלל האָט דער קאָוונער רב, אויך געדאַרפט טיילן די פּערזענליכע צרות פון אַ סך אידן.

אַזוי האָט ער געלעבט אונטער דער אָקופּאַציע טאָג נאָך טאָג, שעה

נאָך שעה, מינוט נאָך מינוט... ער האָט זיך ממש געבאָדן אין אַ ים פון אידישע צרות און יסורים. . עס איז ממש געווען אַ רחמנות אים צו זען!

אַזוי ווי דער רב האָט באַקומען דעם באפעל, צוזאמענשטעלן דעם „עלטסטן־ראַט״, האָבן אַ טייל אידן געמיינט על פי טעות, אַז דער דאָזיקער „עלטסטן־ראַט״ האָט עפּעס אַ מעגליכקייט צו העלפן אידן. איז אין דער ערשטער צייט, וואו נאָר מען האָט אַרעסטירט אַ איד, מען האָט פאַרשלעפּט אידן אין זיבעטן און ניינטן פאָרט, איז מען געלאָפן צום רב, אז ער זאָל העלפן דעם איד אַרויסנעמען.

ניט נאָר פון קאָוונע אליין איז מען געקומען נאָך הילף צום רב. די ליטווישע מערדער האָבן געבראַכט צו פירן דעם יאַנאָווער רב, הרב רבי נחום ברוך גינזבורג הי״ד, מיט אַ כוונה, אַז דער קאָוונער רב זאָל שאַפן דעם געוויסן סכום געלט וואָס די מערדער האָבן באַשטימט פאַר יאַנאָווער אידן, וועלכע זיינען ניט געווען פאַרמעגליך צו צאָלן.

דער אויסזען נעבאָך פון דעם יאַנאָווער רב איז געווען אַ מוראדיקער, זיין באָרד איז געווען אויסגעריסן דורך די רשעים. אויפן פנים — סימנים פון מכות רצח.

אין דער ערשטער צייט האָבן אידן נאָך געגלויבט, אַז דייטשן וועלן האָבן דרך ארץ פאַר אַ רב.

זיי האָבן שנעל אַיינגעזען דעם טעות. אָבער דערווייל האָט דער קאָוונער רב נעבאָך פּערזענליך געליטן פון יעדער צרה...

ער האָט ניט געקאָנט העלפן. אָבער ער האָט מיטגעוויינט און מיט־געקרעכצט מיט יעדן איד באַזונדער.

דערביי איז דער קאָוונער רב אַליין געווען קראַנק. ער האָט אַ צייט לאַנג געליטן פון אַ קענסער אויפן מאָגן און מען האָט אים געהאַט אין דער שווייץ אַפּערירט. האָט ער פונדעסטוועגן ניט אין זינען געהאַט זיין אייגענע קראַנקייט, זיינע פּערזענליכע, פיזישע און קערפּערליכע יסורים. ער האָט געפילט די ליידן פון יעדן אידן. און אפשר האָט ער איבער זיין זאָרג פאַר די ליידן פון כלל, פאַרגעסן זיינע אייגענע יסורים...

איך פלעג צו אים אַלע טאָג אַריינקומען. איינמאָל ווען איך בין צו

אים אריינגעקומען, האָט ער מיר טאַקע געזאָגט: „די צרות פון כלל מאַכן מיר פאַרגעסן מיינע אייגענע יסורים...

ער האָט גערעדט מיט אַ שמייכל, פריינטליך, טראָצדעם וואָס ער איז געלעגן אין בעט, אין די גרעסטע ווייטיקן . . .

אָבער איינמאָל אַריינקומענדיק גאַנץ־פרי צום רב, האָב איך אים געטראָפן זיצנדיק פאַרטיפט אין יורה דעה סימן קנ״ז, און אַרום אים איז דער גאַנצער טיש אָנגעלייגט מיט ספרים. זיין קערפער האָט געשווידערט, די רבי׳צין האָט אים צוגעטראָגן וואַלעריאַן־טראָפּנס. איך שטיי ווי צו־טומלט, איך ווייס ניט וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

דער רב ווייזט מיר דעם רמב״ם פון קידוש השם און זאָגט מיר: „איך האָב אַזאַ שאלה איינמאָל אין מיין לעבן״.

פון דער רביצין ווער איך געוואָר, אַז נעכטן 11 ביינאַכט, האָבן אים באַזוכט די פאַרשטייער פון „עלטסטן־ראַט״ און איבערגעגעבן דעם רב, די גרויסע צרות וואָס לויערן אויפן געטאָ. יעדער גזירה וואָס די געשטאַפּאָ האָט פאַראָרדנט, אַז דער „עלטסטן־ראַט״ זאָל מעלדן דער גאַנצער געטאָ פון קליין ביז גרויס צו קומען דינסטיק, ח׳ חשון (28 אָקטאָבער), אויף „דעמאָקראטאַ־פּלאַץ״. האָבנדיק די השערה אז דער אַפּעל באדייט גזרה פאַר די אידן — צי מעגן זיי דער „עלטסטן־ראַט״ אַרויסהענגען די אַפּעל־מודעה וואָס די געשטאַפּאָ האָט זיי פאַראָרדנט?

דער רב האָט מיר געוויזן ענליכע פאַלן אין ספרים וועגן דער שאלה. (דעם ענטפער פון דער שאלה האָב איך שוין געדרוקט אין מיין ספר „דברי אפרים״), טראָץ דעם וואָס ער האָט געוואוסט, אַז דאָ איז פאַרבונדן דער גורל פון זיין לעבן. ווייל ניט איינמאָל האָט די געסטאַפּאָ געזוכט דעם רב אומצובריינגען, (און טאַקע ביי דער גרויסער „אקציע״, בעת מען האָט אַרויסגעפירט די צען טויזנט אידן פון קאָוונער געטאָ צום „ניינטן פאָרט״, האָבן די דייטשן־מערדער געוואָלט צונעמען אויך דעם רב. נאָר דורך אַ נס האָט זיך אַיינגעגעבן דעם רב צו ראַטעווען פון זייערע הענט), האָט דער רב פונדעסטוועגן זיך געהאַלטן רואיק און זיך געגריבלט אין דער שאלה.

אַזוי ווי איך בין געווען אין טעגליכן קאָנטאַקט מיט די אידן אין

געטאָ, ביי דער שקלאַפן אַרבעט, פלעג איך אָפּט איבערזאָגן דעם רב די שאלות, וואָס מען פלעגט מיר פרעגן און אויך אים דערציילן ווי אזוי איך האָב אין די ענינים גע׳פסקנט.

איינמאָל געדענק איך, בין איך צו אים געקומען און אים דערציילט וועגן דער פאָלגנדיקער שאלה: די אידן ביי דער צוואַנגס־אַרבעט פלעגן באקומען ביי זייער אַרבעט אַ ליטער זופּ. די זופּ פלעגט ווערן געקאָכט מיט פערדן פלייש, האָבן אַ סך אידן ניט געוואָלט עסן די זופּ צוליב טרפות און דאָס האָט נאַטירליך אָפּגעשוואַכט זייער געזונט צושטאַנד.

ווען אידן זיינען געקומען צו מיר און האָבן מיר וועגן דעם דער־ציילט, האָב איך געפּסקנט אַז זיי מעגן עסן די זופּ.

דאָס איז פקוח נפש, האָב איך געזאָגט. אמת דער פקוח נפש קאָן ווערן ערנסט ערשט אביסל שפּעטער, דאַן וועט איר מוזן עסן און ניט האָבן וואָס צום עסן. איצט זיינט איר נאָך שטאַרק גענוג צו עסן, טאָ עסט איצט, ברענגט זיך ניט אום, באַגייט ניט קיין זעלבסטמאָרד.

איך האָב איבערדערציילט דעם רב מיין פּסק. און ער איז געווען זייער צופרידן דערפון. געוועז נאָך ענליכע פראַגן.

וועגן דעם אַלעם האָט דער רב מיר געזאָגט:

„עס איז געקומען אַ צייט ווען מען דאַרף פאַרשטיין די הלכות אביסל טיפער. ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך אין ענינים פון פקוח נפש״.

„פקוח נפש איז דאָ אויף טריט און טריט, און איר ווייסט, ר׳ אפרים, אַז עס וואָלט ניט געווען קרום ווען איר שטעלט צוזאַמען אַ ספר וועגן די אַלע פקוח נפש דינים. עס איז וויכטיק, אַז עס זאָל בלייבן אַזאַ דאָקומענט. (איך האָב דאַן פאַרשריבן אַ טייל שאלות וואָס איך האָב געדרוקט אין מיין ספר „דברי אפרים״, אין קונטרס עמק הבכא).

דער קאָוונער רב איז געווען זייער צופרידן דערפון וואָס איך האָב אין געטאָ געלערנט יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא מיט אידן, וואָס איך האָב אָנגעפירט און געלערנט מיט דעם „תפארת בחורים״.

מען דאַרף אַריינגעבן אידן בטחון, נאָר „בטחון״, האָט ער מיר גע־זאָגט. דאָס איז וויכטיק ביז גאָר.

אינטערעסאַנט, אַז שוין אויפֿן טויטן בעט האָט ער מיר געבעטן שרייבן זיין ספר „דבר אברהם", חלק שלישי, וואָס זיין זון, מר. לייב שפירא, האָט שוין אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע.

אַלץ האָט ער אין זינען געהאַט ליגנדיק אין זיינע יסורים. ער האָט אפילו געשריבן מעמואַרן. און די מעמואַרן זיינע, וואָס זיינען געווען אויסער־געוויינליך אינטערעסאַנט — ספּעציעל דאָרטן וואו ער האָט געשילדערט די אידישע איבערלעבונגען אונטער די נאַציס — זיינען ליידער פאַרלאָרן געגאַנגען. אַ גרויסער שאָדן.

כדאי צו פאַרצייכענען אַ פּאָר אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וואָס דער קאָוונער רב, האָט געמאַכט בעת אַ שמועס, אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין פּטירה.

איינמאָל ווען דער שרייבער פון די שורות האָט באַזוכט דעם רב און טרעפנדיק דאָרט די חשוב'ע בעלי־בתים פון קאָוונע, ווי ר' לייב אינ־טעליגאַטער, ר' מרדכי יפה און נפתלי ווייינטרויב און בשעת'ן שמועסן, האָט דער רב אַ זאָג געטאָן:

„איר ווייסט, מיינע ליבע קאָוונער בעלי־בתים, אַז איך דאַרף בעטן מחילה ביי קאָוונער אידן, ווייל זיי האָבן מיר געצאָלט לאַנגע יאָרן שכירות און איך מיט מיינע מעשים האָב זיכער נישט געדעקט דאָס וואָס די קאָוונער אידן זיינען ווערט געווען".

און נאָך אַ באַמערקונג האָט ער דאַמאָלט געמאַכט — דאָס איז גע־ווען בעת אַ געשפּרעך וועגן ארץ ישראל.

ער האָט מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן:

„איך וואָלט כאָטש געוואָלט האָבן די זכיה, אַז מיינע עצמות זאָלן רוען על אדמת ישראל".

זיין מוט און בטחון ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן, זיינען אַב־סאָלוט אומפאַרגלייכליך . . .

ביז כמעט זיין לעצטן מאָמענט האָט געאַרבעט זיין גאונישע קאָפּ און עס האָט געוויטיקט זיין האַרץ . . .

דעם לעצטן פרייטיק פון זיין לעבן געדענק איך, האָט ער מיט מיר גערעדט וועגן היתר עגונות. ער האָט מיר אויך געגעבן זיינע מיינונגען

וועגן דער עגונות פראַגע, פאַר דער צייט ווען די אידן פון געטאָ וועלן באַפרייט ווערן...

שבת 3 אַזייגער אין דער פרי, כ״ב אדר א׳ תש״ג, איז דער רב נפטר געוואָרן. זונטיק, כ״ג אדר איז פאָרגעקומען די לויה. ווי ווייט דאָס אידישע קאָוונע האָט אים ליב געהאַט, קאָן מען זען דערפון, וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן אייצואָרדענען א לויה. אַן עפנטליכע לויה, האָט גע־שמעקט מיט סכנת נפשות, אָבער דער „עלטסטן־ראַט״ האָט אָפיציעל באַ־שלאָסן די לויה דורצופירן טראָץ די געפאַרן מיט וואָס דאָס האָט געשמעקט.

און די לויה איז געווען אַזוינס וואָס קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט. אלע רבנים און ישיבה בחורים וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ, האָבן באַשלאָסן אַז זיי אליין וועלן טראָגן דעם ארון. און די אַלע וועלכע האָבן זיך מתעסק געווען מיט דעם נפטר, זיינען געגאַנגען זיך טובל זיין מיט תשעה קבים מים שאובים. דאָס האָב איך איינגעאָרדנט אין באָד פון „אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט״ פון געטאָ.

אין אַ פראָסטיקן זונטיקדיקן פרימאָרגן האָט זיך דאָס גאַנצע געטאָ, יונג און אַלט זיך צוזאַמענגעקליבן צו דער לויה. די געטאָ פּאָליציי האָט געהאַלטן מוסטערהאַפטע אָרדענונג. קיין עפנטליכע הספדים אין גאַס האָט מען ניט געהאלטן. דאָס האָט דאָך געשמעקט מיט סכנות נפשות, בלויז אין שטוב האָט מען מספיד געווען. די מספידים זיינען געווען: דער שאַנצער רב, הרב שמוקלער ז״ל, קאָוונער מגיד, הרב חיים מאָסט, הי״ד.

שפּעטער צו שלשים, האָט מען אין פּועלי־צדק שול אויף אייראַגאָ־לער גאס געמאכט א הספד, גערעדט האָבן הרב ר׳ חיים מאָסט, דער קאָוונער מגיד און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

אינטערעסאַנט, אַז אלע זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם רב. אָבער ניט איינער פון די מלווים האָט זיך געוואונטשן אַז: „הלואי האָלט איך שוין אַזוי ווייט ווי דער רב. ווי קום איך שוין צו קבר ישראל?״ . . .

ניט איינער האָט טאַקע געזאָגט, „דער רב איז אַ גרויסער צדיק. ער האָט אַ זכיה. ער קומט צו קבר ישראל״...

די קבורה איז טאַקע געווען הונדערט פּראָצענטיק לויטן דין. ווי עס

פאַסט פאַר אַ רבן של כל בני הגולה. און אויף זיין קבר איז אַוועקגעשטעלט אַ מצבה פון האָלץ, מיט די ווערטער:

„פ״נ מורנו ורבנו רשכבה״ג הרב ר׳ אברהם דובער כהנא שפּיראָ בן הגאון האמיתי ר׳ זלמן סנדר הכהן זצ״ל. הכהן הגדול מאחיו שהיה רועה נאמן בקהלתנו קרוב לשלשים שנה. נפטר בשבי הגטו בש״ק, כ״ב אדר א׳, תש״ג. ת נ צ ב ״ ה״.

אזוי איז געבראכט געוואָרן צו זיין אייביקע רו דער קאָוונער רב.

איך האָב דערציילט וועגן דער לויה, ווייל די געטאָ־אידן האָבן עס באטראַכט פאַר אַ נצחון קעגן דער דייטשער מאַכט. זיי האָבן עס אַדורכגעפירט טראָצדעם וואָס אזוינע „מאַניפעסטאַציעס״ זיינען פאַרבאָטן געווען.

די אידן, אָבער, האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן ממש כדי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד זייער באַליבטן רב און מורה דרך.

* * *

אָנהויב דעצעמבער, 1943, האָבן געשטאַפּאָ־לייט ארעסטירט די קאָוונער רביצין, רחל שפּיראָ אינאיינעם מיט איר זון דר. נחמן שפּיראָ מיט זיין פרוי און איינציקן זון און זיי אוועקגעפירט אויפן ניינטן פאָרט, זיי דערשאָסן און דערנאָך פאַרברענט. די אידן וואָס האָבן זיך מתעסק געווען ביים פאַרברענען די טויטע, האָבן בלויז געראַטעוועט די ציין פון דר. נחמן שפּיראָ.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# די פאַרטיליקונג פון די אידישע קינדער

וואָס נעענטער די רוסישע אַרמייען האָבן זיך גערוקט צו ליטע, אַלץ ווילדער איז געוואָרן די רציחה פון די נאַציס. זיי האָבן געוואָלט אָפּווישן דעם לעצטן אידן. און געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן געמיינט, אַז קיין איין איד וועט ניט איבערלעבן דעם נאַציזם. אויב ס׳איז דאָך ניט געלונגען דאָס דורצופירן, אָפּצואווישן דעם לעצטן שפור פון אידן אויפן